הדלקת הנרות
5:09
זמן מוצאי שבת
6:37
סוף זמן קרי"ש 8:57

בעזהשי"ת


# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת
יתרו
שנה ד' - גליון קמ"ו
עש"ק י"ז שבט שנת תשע"ב לפ"ק

## א ספעציעלע ערשיינונג אין חדר!

די וואך מיטוואך **חמשה עשר בשבט** האבן מיר געהאט א שיינעם **חמשה עשר "פירות טיש"** דער מנהל פארציילט אונז מיטוואך אינדערפרי ביי פרישטאג אז שפעטער וועלן אלע כיתות שיין אראפקומען אינעם גרויסן עס זאל ווי עס וועט פ ארקומען ברוב פאר והדר **דער הערליכע מעמד עריכת השלחן ומסיבת חמשה עשר "פירות טיש"** גאר פריילך זענען מיר געווארן הערנדיג די גוטע בשורה קוים קוים וואס מיר קענען שוין ווארטן דערויף. אט אט די מינוטן זענען שוין דא מיין רבי רופט אויס: אלע קינדער קומען שיין אראפ אין לאנטש רום **צום חמשה עשר "פירות טיש** מיר קומען אריין אין לאנטש רום די אויגן גלייבן נישט וואס מיר זעהן, אלע קינדער האבן זיך שיין ארום געזעצט ארום אויף די אלע פארענטשעס ארום און ארום מען זיצט צוזאמען אלע כיתות גרויס און קליין אינמיטן איז דא דער גרויסער טיש מיט א הערליכע באצירטע גרויסע טאץ מיט א הערליכן אויפגעשטעלטן באצירטן בוים ארום גענומען מיט פארשידענע ערליי פירות מתוקים הערליך אויסגעשטעלט ממש איינס אין דער וועלט. אלע קינדער האבן אנגעהויבן אינאיינעם צו זינגען שיינע ניגונים לכבוד היום והמעמד ווי אויך **אילן אילן – ביימעלע ביימעלע.** מיר בעטן דעם הייליגן באשעפער עס זאל וואקסן גוטע זאפטיגע זיסע פרוכט און דער באשעפער זאל אונז געבן שיינע גוטע פירות מיר זאלן אויסוואקסן גוטע ערליכע קינדער, עס איז געווען הערליך געוואלדיג שיין. מען פירט ארום דעם באצירטן טאץ אז אלע קינדער זאלן דאס גוט זעהן און באטראכטן מיר האבן דערפון שטארק הנאה געהאט. נאכן זינגען זענען אלע רבי'ס אריבער געגאנגען נעמען פונעם גרויסן טאץ פרוכט לכבוד די **"חמשה עשר סעודה"** און טיילן דאס שיין אויס פאר אלע קינדער, יעדער איינער באקומט א פרוכט, דערנאך האבן אלע קינדער צוזאמען געמאכט א הילכיגן ברכה מיטן גאנצן כח בורא פרי העץ.



## קבלת התורה

**דערנאך** איז אריינגעקומען א גוי פון די ארבייטערס און דער מנהל פרעגט איהם **אויב ער וויל די הייליגע תורה?** אבער ער ענטפערט ניין! ניין! און ווען מען האט געפרעגט פון די קינדער די זעלבע **אויב זיי ווילן נעמען די הייליגע תורה** האבן אלע קינדער הויעך געשריגן **"נעשה ונשמע"** מיר וועלן טון און **הערן אלעס וואס דער באשעפער הייסט.** מיר אידן דעם באשעפערס פאלק פאלגן די תורה. און מיר פרייען זיך מיט די תורה. **עליונים ששו ותחתונים עלזו** מיר זענען די גליק'ליכע אידישע קינדער וואס האבן באקומען די הייליגע תורה. יא! מיר פרייען זיך שטארק אז מיר האבן א תורה און מיר וועלן טוהן אלע מצוות וואס דארט שטייט!

## מיין מצוה בוים בליהט!




**ספעציעל** האבן מיר זייער שיין הנאה געהאט פונעם שיינעם יו"ט חמשה עשר בשבט וואס איז געווען דעם מיטוואך. די עלטערן זענען טאקע געווען פארנומען מיטן איינקויפן גוטע זאפטיגע פרוכט, אבער מיר קויפן זיך איין די ריכטיגע גוטע פרוכט וואס מען קען נישט באקומען אין א סטאר! דאס איז **די הערליכע מצוה בוים** וואס מיר האבן אהיים געברענגט מיט די סטיקער'ס. ווען איך טוה א מצוה'לע א גא נצע וואך לייגט מאמי ארויף א סטיקער אויף מיין בוים.

**נאך חמשה עשר בשבט** ברענגען מיר צוריק אין חדר **דעם שיינעם בוים** - און מיר וועלן באקומען א מתנה'לע. אפילו מיר זענען נאך קליין ווייסן מיר גוט אז א איד דארף געדענקען זיך גוט אויפצופירן. **ערליך זאגן ברכות - הויך און שיין,** ווען א טאטע -מאמע הייסן מיר עפעס טוהן **"שוין וועל איך גיין",** זיך קיינמאל נישט ארום קריגן נאר איביג נאכגעבן פאר יענעם. אזוי ווייטער אלע מידות נאך און נאך, לערנען מיר שטענדיג וואך נאך וואך.

**לכבוד די א"ב** האבן מיר ספעציעל געמאכט א שיינעם בוים געשניטן און געקלעיבט די א"ב אותיות אויף א שיינע קאלירפולע בוים. דאס איז אויסער **די א"ב פרוכט בוים** וואס מיר האבן אלע אזוי שיין געקאלערט.

**פון טיעפן הארצן טוהן מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד**

**הרה"ח ר' מאיר משה שפיטצער שליט"א לכבוד זיין מופן צו די נייע דירה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

**דער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין א גוטער ישוב און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אייערע קינדער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר**

# מידה פון די וואך: כיבוד אב ואם!

די וואך האט מען ספעציעל איבערגע'חזר'ט אלע ענינים פון די מצוה "כיבוד אב ואם", א ספעציעלע קלארינג ביכל האבן מיר באקומען ווי מיר קענען גוט זעהן ווי אזוי מען דארף ארויסהעלפן פאר א טאטע און א מאמע, און ווי אזוי מען טאר זיי נישט שטערן, נאר זיי מכבד זיין שטענדיג. א ספעציעלע אויפפירונג צעטל וועט אונז באגלייטן אויף די קומענדיגע וואך, אנצוהאלטן ווייטער די גוטע אויפפירונג מכבד צו זיין א טאטע און א מאמע אזוי ווי עס פאסט זיך פאר וואוילע קינדער.

**דער מנהל האט פארציילט** אין לאנטש רום עטליכע מעשיות איבער די גרויסקייט פון די געוואלדיגע מצוה "כיבוד אב ואם" און דער שכר דערפון, אז מען לעבט לאנג די מעשה פון הרה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע וואס איז געגאנגען טאנצענדיג דעם גאנצן וועג "בשמחה" טוהן וואס זיין טאטע האט איהם געהייסן. ווי אויך פון רבי טרפון וואס האט שטארק מכבד זיין מאמע ווען ס'האט זיך אפגעריסן דער שיך פון זיין מאמע'ס פיס האט זיך ר' טרפון אראפ-געבויגן, און אונטערגעלייגט זיין הענט אונטער זיין מאמע'ס פיס ביי יעדן טריט... און אויך פון רבינו הגה"ק בעל דברי יואל זי"ע איז נאך געווען א קינד האט ער איינמאל געוואלט טרינקען אביסל קאלטע וואסער וואס איז געלעגן אויפן טיש. אבער דער הייליגער קדושת יום טוב האט דאס באמערקט האט ער א שטרענגען קוק געגעבן אז דער רבי זאל פארשטיין דאס נישט צו טוען. און פון דעלמאטאטס אן האט דער רבי קיינמאל נישט געטרינקען קיין קאלטע וואסער ווייל זיין טאטע לאזט נישט. מען קען דאס פראבירן פרעגן די קינדער און דאס איבערשמועסן לויט זייער פארשטאנד.

## ~ חכמה'לעך ~

**אברהם'לע** איז אהיים געקומען פון חדר און געבעטן פון די מאמע א "ספרינקל קאקי" האט איהם די מאמע געזאגט: קודם אויסטוהן די קויט, נאכדעם גיין אין ביה"כ און זיך וואשן די הענט. האט אברהם'לע געזאגט: **אזוי שווער דארף איך איך ארבעטן פאר א קאקי!??**

**משה'לע** האט ארויסגעלייגט די ברעקלעך פאר די פייגעלעך פרייטאג ערב שבת שירה. שבת צופרי ווען ער האט געזעהן אז די פייגעלעך האבן דערוויל נאך גארנישט געגעסן?? האט ער געזאגט **די פייגעלעך זענען נאך אין מצרים!...**

ווען **יוסי** האט ארויסגעקוקט פרייטאג צו נאכט אין פארטש און געזעהן אז די פייגעלעך האבן **נאך נישט געגעסן די ברעקלעך** האט ער זיך אנגערופן: **די פייגעלעך האבן געמאכט א מיסטעיק (טעות) און פאגעסן צו קומען צו אונזער פארטש...**

ווען **אברהם'** האט געהערט אינדערהיים שמועסן אז אז רבינו שליט"א האט געהייסן **ארויסווארפן דעם קאמפיוטער פון שטוב** האט ער געפרעגט: **ווען גייט מען שוין קויפן א קאמפיוטער און דאס ארויסווארפן פון שטוב אזוי ווי די רבי וויל...**

ווען **יענקי** האט געזעהן אז די פייגעלעך האבן נאך נישט געגעסן זיינע ברעקלעך וואס ער האט ארויסגעלייגט האט ער געזאגט פאר זיין מאמע: די ווייסט פארוואס די פייגעלעך קומען נישט? **ווייל זיי זענען געגאנגען קודם עסן די ברעקלעך פון אנדערע קינדער...**

**אברהמ'לע** האט בטעות געשלאגן זיין שוועסטער, ווען זיין שוועסטער האט איהם נישט צוריק געשלאגן האט ער זיך אנגערופן: **יעצט גיי איך לייגן א סטיקער אויף "מיין טשארט" ווייל דו האסט מיך גארנישט צוריקגעטוהן!...**

ווען דער רבי האט פארציילט אז די מצריים **האבן זיך דערטראנקען** האט זיך אברהם יצחק אנגערופן: **מיין טאטע'ס קאר האט אויך א טראנק!...**

**א הארציגן יישר כח פאר הרבני הנגיד הנכבד מוה"ר משה יודא גאלדבערגער שליט"א פארן העלפן מיט די פרוכט לכבוד די "חמשה עשר פירות טיש"**

## מזל טוב ווינטשען

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יוסף מאיר ב"ר יואל טעללער ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם ב"ר פסח יודא קאהן ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א - ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אהרן יעקב ב"ר שמעי' לעבאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' שמשון פויגעל שליט"א - ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ישראל וואלף ב"ר יודא פאלקאוויטש ני"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' שמשון פויגעל שליט"א - ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ברוך ב"ר יעקב מארקאוויטש ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יצחק אליעזר יאקאב שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שמואל נטע ב"ר אברהם מאיר פריעדמאן ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל יצחק ראטה שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שרגא ב"ר ישראל שפיטצער ני"ו**
לכבוד זיין ברודער איז געווארן א חתן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל געלבמאן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**הערשל ב"ר שלמה יואל פויגעל ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה ב"ר דוד שפילמאן ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**רפאל דוד ב"ר אברהם ג'ברא ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל כ"ץ שליט"א - ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שלום ב"ר אברהם יואל לעפלער ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**דוד בן הרב עקיבא יוסף כהנא ני"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א - ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ישראל ב"ר אברהם יואל לעפלער ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ירמי' לעווי שליט"א ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**קלמן אליעזר ב"ר יואל דאנא ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' אברהם ג'ברא שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אשר לעמל ב"ר שמואל סטרולאוויטש ני"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**נחמן ב"ר חיים ווייס ני"ו**
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יושע מאיר ווייזער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יצחק שמואל ב"ר פסח יודא קאהן ני"ו**
לכבוד זיין ברודערס אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אורי נחום ב"ר שמואל ברוך קאהן ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**קלמן אליעזר ב"ר דוד מזרחי ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' בנימין כהן שליט"א - ר' יואל שמאיע שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אשר יונה ב"ר יואל גליק ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' מנחם מענדל פארקאש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה ב"ר מאיר יעקב פאלאטשעק ני"ו**
לכבוד זיין פעטערס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**